**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/9/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף SMART PATH CONNECT עלעקטריציטעט ליניע**

***גרויסע איבערבויאונג הויבט זיך אן פאר קריטישע עלעקטריציטעט פארבינדונגען אין די נארט קאנטרי און מאוהאק וואלי***

***פארבעסערט מזרח-מערב און צפון-דרום עלעקטריציטעט ליניעס צו מאדערניזירן ניו יארק'ס פאווער גריד און מאכט פארשריט צו ריינע ענערגיע ציהלן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף Smart Path Connect, א קריטיש-וויכטיגער עלעקטריציטעט דראטן פראיעקט אנגעפירט דורך די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) און דורך נעשענעל גריד (National Grid) NY צו איבערבויען און פארשטערקערן בערך הונדערט מייל פון דראטן אין די נארט קאנטרי און די מאוהאק וואלי. די פארבעסערונגען צו די עלעקטריציטעט דראטן זענען נויטיג צו נאכקומען די ריינע ענערגיע פאדערונגען פון די סטעיט'ס קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ (Climate Leadership and Community Protection Act). פראיעקט פארשטייער, אריינרעכנענדיג ניו יארק פאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאל, און נעשענעל גריד ניו יארק'ס טשיעף אפערעיטינג אפיסער פאר עלעקטריציטעט, ברייען געמעל, האבן זיך אנגעשלאסן מיט פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק אומאפהעניגע סיסטעם אפעראטאר (New York Independent System Operator), ריטש דואי, צו אפצייכענען די אנהויב פון די קאנסטרוקציע אויפן פראיעקט היינט, און זיי האבן איבערגעגעבן א באריכט פאר די לאקאלע קאמיוניטי איבער דעם פראיעקט צוזאמען מיט סטעיט און לאקאלע פירער ביי די ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס Hawkins Point באזיכער צענטער אין מאסענא, ניו יארק.

"די פארברייטערונג און מאדערניזאציע פון ניו יארק'ס עלעקטריציטעט דראטן איז קריטיש צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט און פאראויס רוקן ניו יארק'ס אמביציעזע ריינע-ענערגיע ציהלן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק פירט די וועג פאראויס מיטן מאכן אמביציעזע ענערגיע אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען וועלכע וועלן שאפן דזשאבס, פארשטערקערן לאקאלע עקאנאמיעס און פאראויס רוקן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע באמיאונגען צו בויען א קארבאן-פרייע ענערגיע סיסטעם ביז 2040."

דער Smart Path Connect פראיעקט וועט העלפן עפענען עקזיסטירנדע ריינע-ענערגיע קוועלער אין די ראיאן און ברענגען באדייטנדע איינשפארונגען צו פראדוקציע קאסטן, עמיסיע רעדוקציעס און וויניגער אנגעלייגטקייט אויף די עלעקטריציטעט ליניע. עס איז געשאצט צו פארמיידן מער פון 1.16 מיליאן טאן פון CO2 גאז עמיסיעס יערליך איבערן סטעיט און א יערליכע רעדוקציע פון א געשאצטע 160 טאן פון NOx גאז עמיסיעס. די ניו יארק פאווער אויטאריטעט שאצט אז דער פראיעקט וועט ברענגען מער פון 447 מיליאן דאלאר אין יערליכע איינגעשפארטע קאסטן אין צפון ניו יארק און אז עס וועט שאפן

הונדערטע דזשאבס אין ריינע ענערגיע דורכאויס קאנסטרוקציע.

**ניו יארק פּאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאַסטין ע. דריסקאָל, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר גייען אריין אין די ווינטער חודשים, בין איך ערמוטיגט צו זעהן די פארשריט וואס ניו יארק מאכט מיטן איבערבויען אונזערע וויכטיגע עלעקטריציטעט ליניעס, מאכנדיג זיי מער שטאנדהאפטיג צו שווערערע און שווערערע וועטער שטורעמעס ווי די וואס מיר זענען בלויז יעצט אריבערגעגאנגען אין באפעלאו. אונזערע אינוועסטירונגען אין עלעקטריציטעט דראטן זענען קריטיש פאר ניו יארק'ס ריינע ענערגיע צוקונפט. NYPA'ס קאנצענטרירונג אויף עלעקטריציטעט דראטן איז א יסודות'דיגע חלק פון אונזער '[NYPA Vision 2030](NYPA Vision 2030)' (NYPA'ס חזון - 2030) סטראטעגישע פלאן. די באדייטנדע פארבעסערונגען צו די עלעקטריציטעט דראטן סיסטעם וואס מיר מאכן היינט זענען וויכטיג פאר אונזערע קלימאט שריט ציהלן צו באקעמפן דיווירקונגען פון גלאבאלע אנווארעמונג און צו פארשטערקערן ניו יארק'ס עקאנאמיע דורכן שאפן ריינע-ענערגיע דזשאבס."

Smart Path Connect איז א פילפאכיגע פראיעקט וואס רעכנט אריין איבערבויען בערך 45 מייל פון עלעקטריציטעט דראטן צו מזרח פון מאסענא ביז קלינטאן טאַון, און עס וועט אנגעפירט ווערן דורך די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט; און עס רעכנט אויך אריין דאס איבערבויען בערך 55 מייל פון עלעקטריציטעט דראטן דרום פון קראגהען ביז מאַרסי וואס וועט אנגעפירט ווערן דורך נעשענעל גריד NY. די ארבעט וועט ארייינרעכענען קאנסטרוקציע פון עטליכע נייע סאָבסטאנציעס ווי אויך איבערמאכן עטליכע עקזיסטירנדע סאָבסטאנציעס.

די צוויי טיילן וועלן פארבינדן ווערן דורך [Smart Path](Smart Path), אן איבערבויאונג פון די מאָזעס-ביז-עדיראַנדעק עלעקטריציטעט דראטן וואס איז אנגעהויבן געווארן אין 2020 און איז פלאנירט צו קומען צו אן ענדע קומענדיגע יאר. אזוי ווי Smart Path, פאלט Smart Path Connect הויפטזעכליך אין די פלעצער וואו עס איז שוין דא 'רייט אָוו וועי' באשטעטיגונגען פאר עלעקטריציטעט דראטן אין קלינטאן, פרענקלין, סעינט לאורענס, לואיס און אָניידע קאונטיס. ווען זיי וועלן זיין פארענדיגט אין 2025 וועלן Smart Path און Smart Path Connect פארעמען איין לאנגע KV345 עלעקטריציטעט דראטן ליניע צווישן קלינטאן און אָניידע קאונטיס, פארשטערקערנדיג די 'גריד' פון די סטעיט און ארייינברענגענדיג עלעקטריציטעט פון ריינע ענעגיע קוועלער אין די סיסטעם, ארייינרעכענענדיג טרייב קראפט פון ניי-געבויטע און פארגעשלאגענע ריינע ענערגיע מקורות.

**רודי ווינטער, נעשענעל גריד ניו יארק'ס פרעזידענט, האט געזאגט,** "Smart Path Connect עפנט אויף הונדערטע מעגאוואַט פון ריינע ענערגיע פאר ניו יארק. דער פראיעקט פארזיכערט א מער שטאנדהאפטיגע און פארלעסליכע סיסטעם וואס קען בעסער אויסשטיין שווערע וועטער, און עס וועט אונז העלפן אנקומען צו אונזערע געמיינזאמע ציהלן צו אראפנעמען די עלעקטריציטעט גריד פון קארבאן באנוץ און ברענגען א יושר'דיגע, גלייכע און אפארדעבעל אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע פאר ניו יארק'ס ענערגיע באניצער."

נאכפאלגנדיג א ליציטאציע פראצעדור צו אויסוועהלן די בעסטע פארשלאג, האט די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט'ס באָורד אָוו טראָסטיס באשטעטיגט א זעקס-יאריגע, 276 מיליאן דאלארדיגע קאנטראקט פאר Michels Power, Inc. פאר די קאנסטרוקציע פון דעם פראיעקט'ס עלעקטריציטעט דראטן און נאך א פינף-יאריגע, 104 מיליאן דאלארדיגע קאנטראקט אין מאי פאר ארבעט אויף דעם פראיעקט'ס סאָבסטאנציעס.

**ריטש דואַי, פרעזידענט און CEO פון די ניו יארק אומאפהעניגע סיסטעם אפעראטאר, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנטוויקלונג איז נאך א קריטישע אנטוויקלונג נויטיג צו ערגרייכן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט ציהלן בשעת'ן פארבעסערן די פארלעסליכקייט פון די עלעקטריציטעט ליניע סיסטעם.

דאס איבערבויען און פאררעכטן פון די ליניעס וועט פארברייטערן די מעגליכקייט צו ברענגען ריינע ענערגיע, פארשטערקערנדיג די סיסטעם קעגן עקסטרעמע וועטער און מאדערניזירנדיג אונזער גריד. איך בין שטאלץ צו שטיין מיט די NYPA און מיט נעשענעל גריד היינט, און איך גראטוליר זיי פארן אנהויבן די ארבעט אויף די וויכטיגע פראיעקטן."

אין צוגאב צו Smart Path און Smart Path Connect, מאכן עטליכע אנדערע ניו יארק סטעיט עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן פארשריט צו פארענדיגט ווערן אדער זענען שוין פארענדיגט געווארן און אין סערוויס. לעצטע וואך האט גאווערנער האקול געפייערט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף די 339-מייל-לאנגע Champlain Hudson Power Express עלעקטריציטעט ליניע, דעוועלאפט דורך Transmission Developers Inc. די Champlain Hudson Power Express און Clean Path NY – א פראיעקט וואס איז דעוועלאפט געווארן אין צוזאמענארבעט צווישן NYPA און Forward Power (געמיינזאמע אונטערנעמונג דורך Invenergy און energyRe) – קאנטראקטן זענען באשטעטיגט געווארן דורך די פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) אין אפריל 2022, מאכנדיג זיי פאר די גרעסטע עלעקטריציטעט אינפראסטרוקטור דעוועלאפמענטס אין ניו יארק סטעיט אין די לעצטע 50 יאר. אלעס צוזאמען, זענען ניו יארק'ס עלעקטריציטעט דראטן אינוועסטירונגען כמעט 1,000 מייל פון נייע און פארבעסערטע פראיעקטן וועלכע וועלן העלפן מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון ניו יארק'ס אמביציעזע ריינע ענערגיע ציהלן.

נאך פראיעקטן רעכענען אריין די ניו יארק פאווער אויטאריטעט און LS Power New York'ס Central East Energy Connect פראיעקט וואס רעכנט אריין דאס איבערבויען און פארברייטערן כמעט 100 מייל פון עלעקטריציטעט דראטן וועלכע זענען היסטאריש געווען אנגעלייגט אין די יוטיקע/אלבאני ראיאן;New York Transco'ס New York Energy Solution וואס נעמט אריין דאס איבערבויען בערך 54 מייל פון עלעקטריציטעט דראטן אין די האַדסאן וואלי; און NextEra Energy Transmission New York'ס לעצטנס-פארענדיגטע און ארויפגעברענגטע Empire State Line Project פון בערך 20 מייל אין מערב ניו יארק.

די ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע האט געשאנקען פאר די ניו יארק פאווער אויטאריטעט א סערטיפיקאט פון 'ענווייראמענטאלע פאסיגקייט און פובליק געברויך' (Certificate of Environmental Compatibility and Public Need) פאר דעם Smart Path Connect פראיעקט אין אוגוסט 2022, און זיי האבן באשטעטיגט די ענווייראמענטאלע מענעדזשמענט און קאנסטרוקציע פלאן פאר די ערשטע טייל פון דעם פראיעקט אין סעפטעמבער 2022. די ערווארטעטע פארענדיגונג דאטום פאר די ליניע איז אין 2025.

**אסעמבלימאן מייקעל קיוסיק, טשערמאן פון די ענערגיע קאמיטע (Committee on Energy), האט געזאגט,** "מיר גייען אריין אין א נייע עפאכע ווען עס קומט צו ענערגיע אינפראסטרוקטור אין ניו יארק סטעיט. אזוי ווי מיר זעצן פאר צו ארבעטן צו ערגרייכן די אמביציעזע ציהלן פון די קלימאט פירערשאפט געזעץ, קען מען נישט אונטערשטרייכן די וויכטיגקייט פון עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן ווי Smart Path Connect וועלכע הויבן זיך אן אין צפון ניו יארק און אין די מאוהאק וואלי. עס איז גאר גוט צו זעהן פארשריט ווערנדיג געמאכט, און איך באדאנק גאווערנער האקול, NYPA און אונזער שותף פאר דעם פראיעקט, נעשענעל גריד, פאר זייער פירערשאפט און איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן און פארברייטערן אונזער עלעקטריציטעט דראט סיסטעם."

פאר מער אינפארמאציע איבער דעם Smart Path Connect פראיעקט, באזוכט ביטע NYPA'ס Smart Path Connect וועבזייטל.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-בעסטע קלימאט אגענדע איז די מערסטע אגרעסיווער קלימאט און ריינע ענערגיע אונטערנעמונג אינעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א וועג וואס שאפט נייע דזשאבס און טוט ווייטער שטופן פאר א גרינע עקאנאמיע אין די צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון די קאוויד-19 פאנדעמיע. דורך דאס אריינגעשטעלן אין געזעץ דורך דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו גרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביים יאר 2040, אריינגערעכנט דאס שאפן פון 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביים יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט לענגאויס דער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען צו שנעלערהייט פארגרעסערן ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און אריבערגאנג פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאולער ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.6 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע אינדוסטריע זינט 2021, א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ווינט-ענערגיע וואס ווערט אויפגעטריבן אין די ים ביז 2035. אונטער דעם קלימאט געזעץ וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריט און רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט פון די שטאפלען וואו עס האט געהאלטן אין 1990 ביז 2050, און אין די זעלבע צייט פארזיכערן אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט — שטרעבנדיג צו 40 פראצענט — פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען זאלן אנקומען צו קאמיוניטיס וועלכע זענען אין נויט, און צו מאכן פארשריט אין די ריכטונג פון די סטעיט'ס 2025 ענערגיע שפארזאמקייט ציהל צו רעדוצירן די ענערגיע וואס ווערט אויפגענוצט אויפן ארט שפארנדיג 185 טריליאן BTU'ס פון ענערגיע וואס ווערט למעשה גענוצט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418